



# סוד הגלגול

## הנך שוכב עם אבותיך וקם העם הזה

**די** גמרא אין יומא (נב:) און אין סנהדרין (צ.) דרש'נט דעם פסוק צווישן די פינף פסוקים וואס מען קען לערנען אויףביידע וועגן. דער אמת איז, אז מען לערנט עס טאקע אויף ביידע אופנים: איינס, אז משה רבינו וועט אויפשטיין ביי תחיית המתים, און דאס איז אויך א רמז אויף זיין גלגול וואס וועט קומען באחרית הימים. אזוי אויך איז עס מרמז אויפן גאנצן דור המדבר צוזאמען מיט די ערב רב וואס ער האט מקרב געווען, וועלכע וועלן שטארק אויספייניגן כלל ישראל באחרית הימים. דאס מיינט "העם הזה" - **די ערב רב וואס וועלן אפטון אלע עבירות אין ארץ ישראל**, און אויף זיי שטייט "וזנה אחרי אלהי נכר הארץ".

אבער אויף משה שטייט ווייטער "אשר הוא בא שמ"ה" לשון יחיד, וואס זענען די אותיות פון משה. דאס ווארט "בקרבו" גייט צוריק אויף זיי, אז משה וועט זיין אין א גלגול צוזאמען מיט זיי. "וחרה אפי... ועזבתים" גייט ווייטער אויף זיי לשון רבים, אזוי אויך "ומצאהו רעות רבות וצרות" איז אויף זיי לשון רבים. אבער דאס וואס עס שטייט "ואמר על כי אין אלהי בקרבי... על כל הרעה אשר עשה" לשון יחיד, דאס וועט משה זאגן: "איך בין שולדיג ווייל איך האב זיי מקרב געווען" (ליקוטי תורה וילך, ספר הליקוטים וילך).

## וישב וקבצך מכל העמים אשר הפיצך

**עס** שטייט אין פרשת ויחי "**עד כי יבא שילה**", וואס דאס מיינט משיח. "שיל"ה" איז בגימטריה "מש"ה", ווייל משה איז משיח, ווי עס שטייט "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" - דאס מיינט אז פונקט ווי ביים ארויסגיין פון מצרים, אזוי וועט זיין ביים ארויסגיין פון גלות. **נאר משה רבינו וועט דעמאלט זוכה זיין צו א פיל העכערע מדריגה, וואס איז בחינת נשמה לנשמה** (חיה יחידה, ווי מען וועט שפעטער זען). משה רבינו-משיח וועט דעמאלט האבן מתקן געווען אלע נשמות פון די וועלט וואס אדם הראשון האט קאליע געמאכט, און וואס די אבות מיט משה האבן אנגעהויבן מתקן זיין אין זייער לעבן. דאס איז מרומז אין פסוק (ישעיהו נב, יג): "הנה ישכיל עבדי ירום ונשא וגבה מאד", וואס מיינט אז משיח וועט איבערשטייגן אברהם, יצחק, יעקב און משה (ליקוטי תורה ויחי).

# מצות כתיבת ספר תורה

**אין** דעם ענין פון די תגין און די צורה פון די אותיות, האט דער אר"י ז"ל זייער מחמיר געווען ביי "שעטנ"ז ג"ץ בד"ק חי"ה". אזוי אויך ווארנט רבי שמעון בר יוחאי פאר זיין זון (תיקוני זוהר, תיקון תליתאה קמא.) אז מען זאל זיין זהיר צו הערן קריאת התורה **נאר פון א בעל קורא וואס ליינט שטייטלעך און שניידט יעדע ווארט קלאר.** ווייל אויב נישט, איז ער אזוי ווי די ערב רב וואס דער פסוק זאגט אויף זיי "הבשר עודנו בין שניהם" - אז זיי האבן איינגעשלונגען אן צו צוקייען, און אויף זיי שטייט "**ואף**

ה' חרה בעם", וואס דאס מיינט די ערב רב.

דער טעם איז, ווייל א מענטש דארף זיך משלים זיין אויף דער וועלט אין פיר בחינות: נפש, רוח, נשמה, און חיה-יחידה (וואס ווערט פארערכנט אלס איינס, ווייל דאס ווערט אנגערופן נשמה לנשמה). דאס איז קעגן די פיר אותיות פון שם הוי"ה, און אזוי אויך איז די תורה קעגן דעם: דער אות אליין איז ווי א גוף, א גולם אן קיין לעבן, ווייל אן א נקודה קען מען עס נישט ליינען; און עס האט נישט קיין שיינקייט, ווייל די שיינקייט זענען די תגין, די קרוינען ארום דעם אות. די תגין זענען די רוח, די נקודות זענען די נשמה, און די טעמים (טראפן) זענען קעגן חיה-יחידה - וואס דאס גיט דעם ברען און התלהבות, ווייל דורך דעם ניגון קען מען זיך מקשר זיין צו די טיפסטע פלעצער פון די נשמה.

דער זוהר הקדוש זאגט (ויגש רו.), אז ווען א מענטש ווערט געבוירן גיט מען אים קודם דעם ערשטן חלק - די נפש. מען גיט נישט איבער אלעס גלייך פארן מענטש; ער קען זוכה זיין נאר לויט וויפיל מצוות און מעשים טובים ער טוט, כדי ארויפצוגיין העכער און העכער.

אויב ער דינט דעם באשעפער מיט דער "נפש" און רייניגט זיך אויס לויט וויפיל ער קען זיך מתקן זיין אין דער מדריגה, דעמאלט איז ער גרייט צו באקומען זיין "רוח". נאכדעם וואס ער ווערט באקרוינט מיטן "רוח", דארף ער זיך מתקן זיין לויט וויפיל מען קען זוכה זיין מיט א נפש און א רוח, און דערנאך וועט ער שוין באקומען אויך זיין הייליגע "נשמה", וואס דאס איז א העכערע מדריגה. דעמאלט וועט ער זיך דארפן משלים זיין מיט אלע דריי, און מיט דעם ווערט ער אנגערופן א "אדם השלם" און ער איז גאנץ פון אלע זייטן. ער איז זוכה צו עולם הבא, און אויף אים שטייט דער פסוק (משלי ח, כא) "להנחיל אוהבי יש", ווייל ער איז דער ליבהאבער פונעם באשעפער, און די נשמה איז דער ליבהאבער פונעם באשעפער (טעמי המצות ויילך, שער הגלגולים הקדמה א).

# המשך וועגן רבי עקיבא'ס פרוי און כלבא שבוע

## רבי עקיבא'ס ארימע יארן

**אין** אבות דרבי נתן שטייט: "רבי עקיבא מחייב את העניים". פארוואס? ווייל רבי עקיבא איז געווען אזוי ארעם נאך זיין חתונה אז ער האט גארנישט געהאט. ער פלעגט גיין צאמקלייבן שטרוי כדי צו האבן אויף וואס צו שלאפן און זיך אנצואווארעמען, און א חלק פלעגט ער פארקויפן פאר עפעס צו עסן. זאגט ווייטער די ברייתא: אויב דו וועסט וועלן זאגן אז דו האסט געהאט אן עול פון א שטוב מיט קינדער - רבי עקיבא האט אויך געהאט א פרוי מיט קליינע קינדער און ער האט זיי איבערגעלאזט צו גיין לערנען (די ברייתא האלט אז ער איז ערשט געגאנגען לערנען עטליכע יאר נאך די חתונה, אדער האט ער געהאט קודם נאך א ווייב). ביז איינמאל האט ער געזען א שטיין וואס איז געווארן צולעכערט דורך וואסער, האט ער געזאגט: אויב וואסער קען צולעכערן א שטיין, קען די תורה וואס איז ווי אייזן עפענען מיין הארץ.

## רבי עקיבא'ס גאלדענע יארן

**שפעטער** איז רבי עקיבא געווען אזוי רייך, אז ער האט געהאט טישן און בעטן פון גאלד און זילבער, און ער האט געמאכט א גאלדענע לייטער ארויפצוגיין אויפן בעט. ער האט באצירט זיין פרוי מיט די טייערסטע דיאמאנטן און איר געקויפט א צירונג פון גאלד מיט די צורה פון דער שטאט ירושלים ("ירושלים של זהב"). זיינע תלמידים האבן געהאט טענות אז ער גיט אזוי פיל פאר זיין ווייב (וואס זיי האבן זיך נישט געקענט ערלויבן), האט ער זיי געזאגט אז עס קומט זיך איר, ווייל זי האט געהאט זייער אסאך צער כדי ער זאל קענען גיין לערנען (אבות דרבי נתן פרק ו, א).

## וויאזוי רבי עקיבא איז רייך געווארן

**אין** מסכת נדרים פארציילט די גמרא (מיט דעם ר"ן) אז רבי עקיבא איז רייך געווארן דורך זעקס זאכן: איינס, די ירושה פון זיין שווער כלבא שבוע. צוויי, מען פלעגט מאכן ביי שיפן פארשידענע זאכן פאר א גוטן סימן; מען פלעגט אויסשניצן א צורה פון א ווידער אז די שיף זאל פליען שנעל ווי א הערש, און מען פלעגט עס אנפילן מיט גאלדענע רענדלעך (אדער לויט תוספות איז דאס אליין געווען פון גאלד). איינמאל האבן מענטשן פארגעסן אזא ווידער ביים ים און ער האט עס געפונען. דריטנס, מען פלעגט מאכן ביי שיפן איין קאסטן וואו מען האט אריינגעלייגט אלעמענס געלט. אמאל האט רבי עקיבא געגעבן פאר מענטשן עטליכע זוז זיי זאלן גיין שווימען אינעם ים

זוכן אוצרות; זיי האבן גארנישט געפונען נאר א שטיק האלץ, אבער עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז געווען דער קאסטן פון א צובראכענע שיף וואס איז געווען פיל מיט געלט.

## די מטרוניתא

**פערטנס**, פון א 'מטרוניתא' (א קעניגין). אמאל ווען מען האט געדארפט געלט פארן בית המדרש און מען איז געגאנגען זוכן צו בארגן געלט, זענען זיי געקומען צו א געוויסע מטרוניתא. זי האט געפרעגט: "ווער וועט זיין אייער ערב? איר זענט דאך אלע ארעם." האט זי געזאגט אז דער באשעפער מיטן ים הגדול וועלן זיין די ערבים.

ווען עס איז געקומען די צייט צו באצאלן, איז רבי עקיבא קראנק געווארן און ער האט נישט געקענט גיין. איז די מטרוניתא געגאנגען צום ים און געזאגט: "רבונו של עולם, איך האב דיר געטרויט, דו ביסט דאך דער ערב, באצאל מיר!" תיכף האט מען פון הימל אריינגעשיקט א רוח רעה אין א בת מלך; זי איז אריינגעגאנגען אין אוצר, ארויסגענומען א קאסטן פיל מיט גאלד און בריליאנטן און עס אריינגעווארפן אין ים. דער ים האט עס ארויסגעשפיגן ממש לעבן דער מטרוניתא.

שפעטער, ווען רבי עקיבא איז געזונט געווארן און איז געקומען באצאלן, האט זי אים דערציילט אז דער ערב האט שוין באצאלט, און זי האט אים צוריקגעגעבן זיין געלט אינאיינעם מיט יענעם אוצר, וואס איז געווען פיל מער ווי דאס וואס ער האט געבארגט פון איר.

## רבי עקיבא'ס צווייטע ווייב

**פינפטנס**, איז פון זיין צווייטער ווייב, וואס איז פריער געווען די פרוי פון טורנוסרופוס. זי איז געווען די פרוי פון א גויאישן הערשער וואס האט געהייסן 'רופוס'. ווען רבי עקיבא פלעגט קומען צום קעניג, פלעגט דער קעניג פרעגן קשיות פון פסוקים, און רבי עקיבא פלעגט אים שטענדיג שטעלן אויפן פלאץ. איינמאל האט ער זיך אויסגערעדט פאר זיין ווייב וויאזוי רבי עקיבא מצליח אים אלעמאל אפצושלאגן. האט זי געזאגט: "איך וועל אים גיין מאכן זינדיגן" און ער האט מסכים געווען.

ווען זי איז געקומען צו רבי עקיבא, האט ער געשפיגן, געלאכט און געוויינט. זי האט אים געפרעגט וואס איז דער פשט פון די דריי זאכן. האט ער געזאגט אז אויף צוויי זאכן קען ער ענטפערן, אבער נישט אויף די דריטע: "איך האב געשפיגן, ווייל מיט דיין גאנצער שיינקייט ביסטו נישט מער ווי א 'טפה סרוחה'; איך האב געוויינט, ווייל אזא שיינקייט גייט נאך ווערן פארפוילט אין דער ערד."

אויף דעם פארוואס ער האט געלאכט האט ער נישט געוואלט זאגן, ווייל דאס איז געווען ווייל ער האט געזען מיט רוח הקודש אז זי גייט אמאל חתונה האבן מיט אים. אז זי האט געזען אז ער האט איר מנצח געווען, האט זי געפרעגט אויב זי קען תשובה טאן. ער האט געזאגט יא, איז זי געגאנגען און זיך מגייר געווען. נאכדעם וואס איר מאן איז געשטארבן, האט זי טאקע חתונה געהאט מיט אים און אריינגעברענגט איר גרויסן פארמעגן.

## קטיעה בר שלום

**זעקסטנס**, די גמרא אין עבודה זרה (דף י:) דערציילט אז 'קטיעה בר שלום' איז געווען א שר ביים רומישן קעניג. דער קעניג האט פיינט געהאט די אידן, האט ער געפרעגט זיינע שרים: "אויב איינער האט א פארפוילטן אבר (וואס מיינט די אידן), זאל ער עס לאזן אים וויי טאן אדער עס אפשניידן?" האבן אלע שרים געזאגט ער זאל עס אפשניידן. האט זיך קטיעה בר שלום אנגערופן אז ער זאל עס נישט אפשניידן; ערשטנס, ווייל עס איז נישט מעגליך צו הרגענען אלע אידן וויבאלד זיי האבן א הבטחה אז זיי וועלן איבערבלייבן, און צווייטנס, עס לוינט דיר נישט, ווייל עס וועלן פעלן אזוי פיל מענטשן אז מען וועט דיר רופן 'מלכותא קטיעה' (א אפגעהאקטע קעניגרייך).

האט דער קיסר געזאגט: "אפילו דו ביסט גערעכט, אבער וויבאלד דו האסט געזאגט אנדערש פון מיר, ביסטו חייב מיתה," און ער האט געהייסן אים אריינווארפן אין א קאלעך אויוון.

אינמיטן אויספירן דעם פסק, האט זיך אנגערופן א מטרוניתא: "אשאד דו ווערסט געהרגעט צוליב די אידן אבער דו ביסט נישט קיין איד, וועסטו נישט קענען זוכה זיין צו עולם הבא." האט ער זיך אראפגעוואפן און זיך געמל'עט. פארן פארברענען האט ער געזאגט: "מיין גאנצער פארמעגן זאל גיין צו רבי עקיבא מיט זיינע חברים," און מען האט עס צוטיילט האלב אויף האלב.

נאכן שטארבן איז ארויס א בת קול: "קטיעה בר שלום מזומן לחיי העולם הבא." פירט אויס די גמרא אז רבי האט געוויינט: "יש קונה עולמו בשעה אחת ויש קונה עולמו בכמה שנים" - אז דער מענטש האט אויף איינמאל זוכה געווען צו אלעס. ביז דא איז די גמרא.

## צדקיהו המלך גלגול

# כלבא שבוע

**די** גמרא אין נדרים (דף סה.) זאגט אז צדקיהו האט געטראפן נבוכדנצר עסן א ארנבת לעבעדיגערהייט. נבוכדנצר האט זיך פארשעמט און געזאגט פאר צדקיהו: "שווער מיר ביים באשעפער'ס נאמען אז דו וועסט עס נישט דערציילן פאר קיינעם." ער האט טאקע געשוואוירן, אבער עס האט אים געבאדערט ווייל ער האט יא געוואלט דערציילן כדי אים צו פארשעמען. האט ער זיך מתיר געווען זיין שבועה ביי די סנהדרין. ווען נבוכדנצר האט געהערט אז מען פארשעמט אים, האט ער גערופן די סנהדרין מיט צדקיהו און געפרעגט: "דו האסט מיר דאך געשוואוירן?" האט ער געזאגט: "זיי האבן מיר מתיר געווען." האט נבוכדנצר געפרעגט די סנהדרין: "קען מען דען מתיר זיין א שבועה אן דעם וואס דער מענטש פאר וועמען מען האט געשוואוירן איז דארט?" (ווייל די הלכה איז אז אויב מען שווערט פאר א צווייטן, קען מען עס נישט מתיר זיין נאר פאר יענעם). האבן די סנהדרין אראפגעלייגט דעם קאפ פון בושה, ווי עס שטייט (איכה ב, י): "ישבו לארץ ידמו זקני בת ציון", אז די זקנים האבן זיך אראפגעזעצט אויף דער ערד ווייל זיי האבן נישט געהאט וואס צו ענטפערן. ביז דא איז די גמרא.

כלבא שבוע איז געקומען מתקן זיין דעם פגם; ער האט אויך געמאכט א נדר, און יעצט האט מען אים מתיר געווען דעם נדר לטובת די חכמים, אז רבי עקיבא זאל רייך ווערן (גלגולי נשמות אות כ' סימן קכ"ב).

# אשת טורנוסרופוס

## גלגול כזבי

**מיר** האבן שוין פריער געברענגט (אין דעם גליון פון פרשת פנחס), אז רבי עקיבא איז געווען א תיקון און א גלגול פון זמרי בן סלוא. אזוי אויך איז זיין צווייטע ווייב, די אשת טורנוסרופוס, געווען א תיקון פאר כזבי בת צור, און זי האט זוכה געווען אים אריינצוברענגען געלט צו קענען אויפשטעלן זיין ישיבה (גלגולי נשמות אות כ' סימן ע"ז).

# רחל אשת רבי עקיבא נשמת רחל אמנו

**יעקב** אבינו איז געקומען בגלגול אין רבי עקיבא (עקיב"א זענען די אותיות פון יעקב"ב). אזוי ווי יעקב האט געהאט צוויי ווייבער, רחל מיט לאה, אזוי האט רבי עקיבא גענומען רחל די טאכטער פון כלבא שבוע, און אשת טורנוסרופוס איז קעגן לאה. און פונקט ווי יעקב האט געפאשעט די שאף פון זיין שווער לבן, אזוי האט רבי עקיבא געפאשעט די שאף פון זיין שווער כלבא שבוע (ליקוטי תורה ויחי).

# קטיעה בר שלום תיקון אבימלך מלך גרר

**אבימלך** איז געווען חייב מיתה ווייל ער האט צוגעכאפט שרה'ן, אזוי ווי עס שטייט (בראשית פרק כ פסוק ג): "ויבא אלהים אל אבימלך בחלום הלילה ויאמר לו הנך מת על האשה אשר לקחת והוא בעלת בעל". אבער ער איז אויך געווען א גרויסער מענטש, און די ראיה איז אז ער האט געהאט נבואה און גערעדט מיטן אויבערשטן. יעצט ביי קטיעה בר שלום איז ער מתוקן געווארן, און ער האט אויך באקומען זיין עונש פון מיתה (גלגולי נשמות אות ק' סימן קכ"ה).

# רבי עקיבא נשמת משה - יעקב

**ביי** משה רבינו טרעפן מיר אויך אז ער האט געהאט צוויי פרויען: קודם די מלכת כוש און נאכדעם צפורה. אבער וויבאלד די מלכת כוש איז געווען פון א שורש הדינים וואס קען נישט נמתק ווערן, האט ער נאר חתונה געהאט מיט איר אבער נישט געוואוינט מיט איר. ביי יעקב שטייט אז 'תמנע' האט זיך געוואלט מגייר זיין און חתונה האבן מיט אים, אבער ער האט נישט געוואלט אפילו חתונה האבן ווייל ער האט געזען אז ער קען נישט ממתיק זיין אירע שטארקע גבורות. משה רבינו האט שוין יא געטאן איין שריט מער אבער נאך אלץ נישט געוואוינט מיט איר. רבי עקיבא האט איר אינגאנצן מתקן געווען - דאס איז די אשת טורנוסרופוס (ספר הליקוטים כי תצא, עץ חיים שער לח פרק ב).

# רבי עקיבא שורש תורה שבעל פה

**אזוי** ווי משה רבינו האט געגעבן די תורה שבכתב, איז בזכות רבי עקיבא געגעבן געווארן די תורה שבעל פה וואס האט זעקס סדרים: זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים, טהרות. און פונקט ווי משה רבינו איז נתעשר געווארן פון די תורה, דורך די איבעריגע שטיקער שטיין וואס ער האט געפונען אין זיין געצעלט ביים מאכן די לוחות, אזוי איז רבי עקיבא אויך נתעשר געווארן פון זעקס זאכן (ווי אויבן דערמאנט). דאס איז אויך דער סוד פארוואס רבי עקיבא האט געדרשנט אלע וו'ין פון די תורה (סנהדרין נ:) (מגלה עמוקות אופן ע"ג).